גליון ה'
ערש"ק פר' אח"ק תשפ"ב

הגליון נערך לע"נ מרת **לאה חי'** בת ר' אברהם ע"ה **ניימאנן**

# א מחי'!

16 טיפס פאר א
## געשמאקע
אידישע לעבן

בפיקוח הרה"ג דומ"ץ
טאהש מאנסי שליט"א

1. זיי בעה"ב
2. זיי מעונג
3. זיי געזונט און שטארק
4. זיי א מאן
5. זיי א טאטע
6. זיי אויפגעלייגט
7. זיי אומאפהענגיג
8. זיי רייך
9. **זיי מסודר** (דו האסט שוין איינמאל צייט...)
10. **זיי א לערנער**
11. זיי א דאווענער
12. זיי גוט
13. זיי דאהי
14. זיי שטום
15. זיי געשיקט
16. זיי א הולך

## יסוד #9
# זיי מסודר!

### וואו נעמט מען אביסל צייט?!

בשעת'ן שרייבן די גליונות ביז אהער, קען איך הערן ווי די ליינער שרייען צוריק צום גליון: 'ערעב' שרייבער, דו האסט טאקע



מורא'דיגע געדאנקען; מען דארף שלאפן גענוג; מען דארף מאכן עקסערסייז; מען דארף מאכן א בודזשעט; מען דארף פארברענגען מיט די קינדער; מען דארף, מען דארף און מען דארף, אבער איך האב נישט קיין ברעקל צייט! קוים וואס איך קום אן צו אטעמען, ניטאמאל א סענדוויטש קום איך אן צו עסן. וואס ווילסטו פון מיר?! איך בין "טיף טייער". איך בלייב שוין אזוי ווי עס איז. איך האב נישט קיין צייט.

הער מיך גוט צו: איך בין א נביא, און איך ווייס אז דו האסט יא צייט! נישט נאר וואס איך ווייס אז דו האסט צייט, איך ווייס אפילו פונקטליך אויפ'ן האר **וויפיל** צייט דו האסט.

דו האסט פונקטליך פיר און צוואנציג שעה א טאג!

קיין ברעקל מער, קיין ברעקל ווייניגער. די פיר און



צוואנציג שעה איז געמאכט פאר דיר עס אנצופילן מיט זאכן וואס זענען פאר דיר וויכטיג. יעצט לאמיר זען, וואס איז דיר וויכטיג? דיין ווייב?! דיינע קינדער?! דיין עלעקטראנישע דראגס (סמארטפאון וכדו')? ארבעטן ווי א פערד? (זייט ווען איז דאס געווארן א קאמפלימענט?!...) לערנען?

לאמיר נעמען א טיפקעל סקעדזשועל:

+ **ארבעטן - 7 ½ שעה** (9:00-5:00 מיט א האלבע שעה לאנטש)
+ **שלאפן - 6 ½ שעה**
+ **דאווענען - 1 ½ שעה**
+ **עסן - ½ שעה**
+ **העלפן/פארברענגן אינדערהיים - 2 שעה**
+ **לערנען - 1 ½ שעה**
+ **שאר ירקות - 1 ½ שעה**
+ **ס"ה: 21 שעה**

## צייט גנבים

וואו גייט די איבריגע דריי שעה יעדן טאג? ווייסט וואס מען קען טון מיט דריי שעה פער טאג?! עס קומט אויס איבער זעקס מיט אהאלב וואכן א יאר!!! וואו גייט די וויכטיגע צייט? דער תירוץ איז פשוט. עס גייט דארטן וואו עס גייט יעדע זאך וואס מען וואטשט נישט דערויף. צו די גנבים! צו פוסטע און הוילע שטותים וואס נישט די ענדזשויסט, און נישט דו האלסט עס פאר וויכטיג. פשוט פארברענט.

די איינציגסטע וועג אויסצומיידן די גנבים, איז דורכ'ן מאכן א "בולעט פרוף" פלאן, און געבן יעדע שעה **א נאמען**. א פונקטליכע סקעדזשועל.[א] אז נישט גייסטו פארלירן דיין צייט, וואס דאס איז בעצם דיין לעבן. לעבן איז פשוט צייט אויף דעם ערד-קוגל, גארנישט מער. פארברענען צייט, איז פארברענען לעבן.

אין סידור בעטסטו כסדר אויף לעבן. דיווארט 'חיים' ווערט דערמאנט צענדליגער מאל אין דיין סידור'ל. איך האב גוטע נייעס פאר דיר. דו האסט עס שוין ב"ה אויסגע'פועל'ט! דו האסט באקומען לעבן. יעצט מאך נאר זיכער דו האלטסט עס אן. לאז עס נישט ארויסרינען פון צווישן דיינע פינגער. מאך א פעסטע סקעדזשועל און לייג אריין דערין צייט צו לערנען מיט די קינדער, צו מאכן א בודזשעט, און אזוי ווייטער. אין א געוויסע זין איז דאס פשוט א בודזשעט אויף דיין צייט. אויב עס איז וויכטיג צו מאכן א בודזשעט אויף געלט, איז אודאי און אודאי וויכטיג צו מאכן א בודזשעט אויף די - נאך אסאך טייערערע - זאך פון צייט.

## דו דמיונ'סט

דער געדאנק אז מען האט נישט קיין צייט איז א היבשער דמיון. פרעג א מענטש פארוואס ער טוט אויס די תפילין ביי אשרי ובא לציון, וועט ער דיר זאגן אז ער יאגט זיך, ער האט פשוט נישט די פינף מינוט. יעצט גיי צו צו דעם זעלבן מענטש נאכן דאווענען און כאפ מיט אים א שמועס, וועסטו אים גרינג קענען אויפהאלטן צען-פופצן מינוט. וואס איז געשען מיט'ן יאגן? פשוט, עס איז א דמיון, דער נאר שטיפט אים.

נישט נאר דאס, אפילו אין תפיסה ל"ע, זענען דא אידן וואס יאגן זיך ארויס פונעם טשאפל נאכן דאווענען![ב] וואו יאגסטו זיך רבוש"ע! די תירוץ איז אז דער נאר שטיפט אים. ער לעבט נאכאלס אינעם דמיון אז ער דארף **עפעס** ערלעדיגן, און ער האט פשוט נישט קיין צייט צו אטעמען. דאס איז איינע פון די מיסטעריעס פון אונזער תקופה, ווען אין די זעלבע צייט וואס יעדער יאגט זיך, פארברענגט מען שעות מיט'ן פשוט שטיפן די צייט.

**"דאס איז איינע פון די מיסטעריעס פון אונזער תקופה, ווען אין די זעלבע צייט וואס יעדער יאגט זיך, פארברענגט מען שעות מיט'ן פשוט שטיפן די צייט."**

---

א. טאהש'ער רבי זצוק"ל ברענגט אן א שיעור מאל אז זיין זיידע ר' אלימלך טאהשער זי"ע האט מקבל געווען פון זיין רבי ר' אליעזר'ל מקאמארנא זי"ע, אז א פונקטליכע סדר איז א יסוד אין אידישקייט. טאהש'ער רבי איז מאריך אין דעם אין "עבודת עבודה" כמה פעמים.

ב. געהערט פון אן עד ראי', הרה"ג ר' אבא חיא טויבער שליט"א

# והסר ממנו יגו"ן

גיב אכטונג, ווייל אין די קומענדיגע שורות גיי איך פלאצן א ריזן שווער אויפגעבויטע זייפן-בלאז. רוקט אייך אין די זייט! גרייט?! לאמיר אריינטאנצן. די סיבה פארוואס מיר יאגן זיך, איז נישט ווייל מיר האבן אסאך צו ערלעדיגן. פארקערט גאר, די סיבה פארוואס מיר האבן אסאך צו ערלעדיגן, איז ווייל מיר האבן זיך ליב צו יאגן! לאמיר איבערזאגן נאכאמאל. לייג צו קאפ: **די סיבה פארוואס מיר יאגן זיך, איז נישט ווייל מיר האבן אסאך צו ערלעדיגן. פארקערט גאר, די סיבה פארוואס מיר האבן אסאך צו ערלעדיגן, איז ווייל מיר האבן זיך ליב צו יאגן!**

א וויסנשאפטלער האט שטודירט פארוואס מענטשן קלייבן זיך אויס געוויסע ארבעט קעגן אנדערע. ער האט געמאכט 5 פארשידנארטיגע שטודיעס, וואס זענען אלע געלאפן אינעם זעלבן גאטונג. אין איין שטודיע האט ער געאפפערט פאר מענטשן זיך אויסצוקלייבן איינע פון די צוויי דזשאבס:

| | דזשאב 1 | דזשאב 2 |
|---|---|---|
| וואס | שרייבן אן ארטיקל | שרייבן אן ארטיקל |
| וויפיל מען באצאלט | $110 | $100 |
| אויף ווען דארף עס זיין פארטיג | אויף מארגן | צען מינוט ארום |

ווי מען זעט איז דזשאב 1 אסאך א בעסערע פארשלאג. מען צאלט מער, און מען האט מער צייט עס צו ענדיגן. אבער וואונדער איבער וואונדער! מענטשן האבן ענדערש זיך אויסגעקליבן די דזשאב וואס האט אסאך מער פרעשור, כאטשיג עס צאלט ווייניגער. יא, ווי דערמאנט אויבן, די סיבה פארוואס מיר האבן אסאך צו ערלעדיגן, איז ווייל מיר האבן זיך ליב צו יאגן! מיר האבן ליב זיך צו פילן וויכטיג, און מיר זענען משועבד פאר'ן דמיון פון יגו"ן.

## זאכן וואס ברענען, זענען נישט וויכטיג

לאמיר שוין זאגן אז דו האסט טאקע יא זאכן וואס ברענען, און וועגן דעם יאגסטו זיך. אז דו ווערסט עס גוט באטראכטן, וועסטו זען אז רוב זאכן וואס ברענען, זענען נישט וויכטיג, און רוב זאכן וואס זענען וויכטיג, ברענט נישט. זאכן וואס וועלן מאכן די גרעסטע נפק"מ פאר דיר אין דיין לעבן האבן נישט קיין פונקטליכע 'דעדליין' ווען עס דארף זיין פארטיג. זאכן וואס האבן יא א ברענעדיגע דעדליין, זענען בדרך כלל ניטאמאל וויכטיג.

לאמיר אנכאפן אפאר דוגמאות פון וויכטיגע זאכן:

- + **לערנען**
- + **פארברענגען מיט די משפחה**
- + **פארבעסערן די פרנסה**
- + **מאכן און האלטן א בודזשעט**
- + **מאכן עקסערסייז**

דאס זענען אלעס זאכן, וואס ווען א מענטש וועט אוועקגעבן צייט פאר דעם, וועט עס טוישן זיין לעבן מקצה אל הקצה. אבער קיין איינע פון די זאכן האבן נישט קיין הארטע דעדליין.

יעצט לאמיר כאפן א בליק אויף זאכן וואס ברענען:

- + **אריינכאפן די סעיל ביים שיך סטאר**
- + **קוקן ווער עס רופט ווען די טעלעפאן קלינגט**
- + **ענטפערן אויף יעדע מעסעדזש**
- + **ליינען/הערן די היינטיגע נייעס**

דאס אלעס זענען זאכן, וואס אויב איך וועל עס נישט טון **יעצט** וועל איך עס מער נישט קענען טון שפעטער. אבער איז עס טאקע אזוי וויכטיג? אפטמאל זענען די 'ברענעדיגע זאכן' די גרעסטע גנבים. די איינציגסטע וועג זיך צו ראטעווען פון די גנבים איז דורך שטארק היטן אויף יעדע מינוט.

## צייט בודזשעט

שוין גענוג גערעדט. יעצט לאמיר טון צו דער זאך. שטעל אויס א פונקטליכע סדר היום. ווען שטייסטו אויף; ווען לייגסטו זיך שלאפן; און אלעס אינצווישן. קיין שום צייט זאל נישט גיין לטמיון. לייג אפילו אריין צייט צו שמועסן א.ד.ג.

למשל אויב דו פילסט אז נאכן דאווענען איז דיר וויכטיג צו שמועסן אביסל בעפאר'ן גיין ווייטער, מאך יעצט אפ וויפיל צייט דו האלסט עס פעלט דיר אויס, און שרייב עס אריין אין דיין סקעדזשועל.

## צופיל פרעשור?

עס קען אפשר אויסקוקן ווי האלטן א פונקטליכע סדר היום לייגט צופיל פרעשור, אבער דער אמת איז, אז פארברענגען 10 מינוט שמועסן מיט'ן וויסן אז די צייט איז פולקאם באשטימט פאר דעם, טוט אסאך מער אויף צו אויסליפטערן די קאפ, ווי פארברענגען אפאר שעה מיט די פרעשור אז בעצם דארף איך שוין לויפן, טון, און מאכן עפעס אנדערש.

אלזא, מאך זיכער צו זיין מסודר, און אויסנוצן יעדע מינוט אין דיין לעבן פאר זאכן וואס זענען וויכטיג פאר דיר אליין.

# יסוד #10

# זיי א לערנער!

פאר צוויי יאר צוריק האב איך מיר באגעגנט מיט איינעם וואס האט פשוט געטריבן פון מיר ליצנות, אזש איך בין רויט געווארן פאר בושה. אבער איך דאנק אים נאך פאר דעם עד היום הזה. אדרבא, געב א קוק אויף דעם טעלעפאן-סקרין דא אין די זייט, און זאג מיר צו די ווערסט נישט פונקט אזוי באליידיגט.

דאס בילד איז געליגן אין דעם מייסטערהאפטיגן ספר ״קביעת עתים לתורה - פראקטיש גערעדט״. נאכן כאפן דעם הילכיגן פראסק, האב איך געליינט דעם ספר מדאשקע לדאשקע א גוטע פאר מאל. ער צעלייגט אויף קליין געלט א מהלך וויאזוי יעדער איינער קען מצליח זיין אין תורה, און עס האט שטארק באפעסטיגט מיין קביעת עתים לתורה. איך בין שטארק מציע אז דו זאלסט עס ארויסגיין קויפן.




א רוטינע אויסטויש, ביים אנהייבן דעם׳ קביעות׳דיגן׳ נאַכט-שיעור ׳פונקליך 9:00׳

עס איז נישט צום גלייבן וויפיל א פעסטע קביעת עתים טוט פאר׳ן מענטש. שלום בית, גוטע קינדער, און נאך אסאך מער, איז נאר די אנהויב.[א] דער ארויסגעבער פונעם ספר, הרב ר׳ יודא אליעזר גאלדבערגער הי״ו, האט באוויליגט אונז צו געבן דעם פאלגענדן קורצע איבערבליק אויפן ספר. דער ספר איז געבויט אויף 10 כללים.

## כלל א׳ - לערן מיט א סיבה

דאס לערנען זאל זיין ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, און ווייל איך וויל זיין א איד, און נישט טראכטן פון די אלע סגולות און ברכות, אדערווארטן פאר׳ן סיום. ווייל אויב לערנט מען מיט דעם חשבון, און מען ווארט נאר אז די אלע גוטע זאכן זאלן שוין אנקומען, וועט מען שנעל אונטערברעכן, ווי איינער וואס קוקט אויף׳ן זייגער ווען ער קען שוין ארויספאסטן.

אין לויף פונעם ספר ווערט שטארק אויפגעפאדערט זיך ארויסצורייסן פון די מהלך המחשבה וואס שטאמט נאך פון די בחור׳ישע יארן, אז מען לערנט צו אנקומען צו א געוויסע ציל, מען זאל זען אז איך קען דעם מקצוע, מסכת, הוראה א.א.וו. נאר מען לערנט מיט׳ן תכלית צו טון וואס דער רבש״ע וויל פון אונז. און ווען מען לערנט אזוי, דארף גארנישט שטימען, אלעס וויאזוי עס שטעלט זיך אויס, איז פונקט גוט, יא אדער נישט חברותא, אדער אנדערע מניעות, וועט ער נאכאלץ האבן פאר זיך דעם ציל פון עוסק זיין בתורה.

א גוטע עצה צוצוקומען דערצו איז צו מאכן ׳איבונגען׳, און לערנען אינדערהיים ווען קיינער זעט נישט און קיינער וועט נישט וויסן. אזוי געוואוינט מען זיך איין צו לערנען נאר פאר׳ן איינציגן תכלית, ״ווייל איך בין א איד!״

## כלל ב׳ - הייב אָן מיט גמרא

ווען מען וויל זיך נעמען צום קביעת עתים, איז געראטן אנצוהייבן מיט גמרא, וואס פארמאגט א ספעציעלע אייגנשאפט - וואס מען טרעפט נישט ביי די אנדערע ספרי קודש - אויסצולערנען א מענטש צו טראכטן, און אויסשטעלן דעם קאפ מיט א קלארן אידישן מהלך המחשבה. א הוא אמינא מיט א מסקנא, א פרישע איכא דאמרי תיכף נאכדעם וואס די גמרא שטימט שוין. עס איז א טעראפי פאר׳ן מענטש צו אויסגראדן דעם קאפ. דעריבער איז פארשטענדליך אז מען זאל נישט אפירזוכן דוקא ׳אגדתא גמרות׳ אד״ג, נאר דוקא דורכ׳ן זיך פלאגן אויף די תורה הקדושה און אזוי זוכה זיי צו די אלע ברכות פון ״אם בחוקותי תלכו.״

א. הגה״צ ר׳ אברהם הערש וואזנער שליט״א אב״ד קהל יטב לב דסאטמאר מאנסי דערציילט כסדר אז די בעסטע עצה פאר אינגעלייט וואס מוטשענען זיך מיט שלום בית, קינדער וכדו׳, איז זיכער צו מאכן אז דער אינגערמאן האט א פעסטע שיעור קבוע. פלוצלינג ווערן די אלע זייטיגע זאכן מסודר פון זיך אליין.

## כלל ג' - נוץ די צייט קלוג

דא ווערט אראפגעלייגט א קלארע און קראנטע מהלך וויאזוי צו לערנען דעם טעגליכן שיעור, דורכ'ן זיך פארקוקן 'אליינס' אָן א חברותא א טאג בעפאר דעם שיעור וואס מען וועט מארגן לערנען מיט'ן חברותא, און דאס איבערשלאפן בעפאר מען וועט עס אפיציעל לערנען ביים קביעות'דיגן שיעור. באגלייט מיט נאך וויכטיגע אנווייזונגען וויאזוי צו לערנען ביים ערשטן מאל, און ביים צווייטן מאל, סיי די אופן הלימוד, און סיי בנוגע נוצן 'ארטסקרול' אדער 'מתיבתא' ביים ערשטן מאל לערנען די גמרא.

עס ווערט אויך שטארק ארויסגעברענגט די מעלה פון לערנען אין א גמרא מיט'ן 'צורת הדף', וואס האט א מאכטפולע השפעה אויפ'ן זכרון פונעם מענטש.

## כלל ד' - חברותא, בלויז ווען עס העלפט

די מעלה פון לערנען מיט א חברותא איז נישט אייניג ביים יעדעם, און מען דארף אליינס זען אויב דער חברותא ברענגט אים א תועלת אינעם לערנען, אדער גאר פארקערט. א מענטש דארף אליינס קענען זיך אפמעסטן אויפריכטיג, אפשר וועל איך האבן מער תכלית מיט'ן לערנען אליינס. ס'ווערט דארט אויך אויסגעשמועסט מיט שטארקע מראי מקומות, אז היינטיגע צייטן ווען מ'האט אלע מפרשים וועלכע זענען אלעס קלאר מסביר, איז צומאל בעסער ווען מען לערנט אליינס.

און אפי' ווען מ'לערנט יא מיט א חברותא, זאל עס זיין לכתחילה אוועקגעשטעלט אז איך בין נישט "געבינדן" אין מיין חברותא, דער שיעור קען אנגיין אויך ווען איך לערן אליינס, און איך לערן מיט אים נאר אלס הילף, פונקט ווי מ'מאכט א ביזנעס מיטינג. און מ'דארף עס אמאל אויך פראקטיצירן למעשה, אז היינט וועלן מיר לכתחילה לערנען עקסטערע. מיט אזא טרעינירונג, וועט דער שיעור בס"ד נישט בטל ווערן אין קיין שום פאל אפילו ווען ס'מאכט זיך אז איינער פון די חברותא קען נישט קומען.

אויך ווערט ארויסגעברענגט די גרויסע מעלה פון לערנען אויפ'ן קול, און די וויכטיגקייט פון קומען לערנען דוקא אין בית המדרש.

## כלל ה' - אָפּלאוד"ן בלעטער גמרא

די סיבה פארוואס מענטשן ציטערן אזוי שטארק פון דיווארט 'חזרה', קומט פון אלטע מחשבות פון די ישיבה ווענט. עס ווערט שטארק ארויסגעברענגט אז חזרה איז נישט בלויז צו קונה זיין די בלעטער אויף שפעטער, נאר פשוט אז דו זאלסט עס בכלל האבן ביי דיר.

א איד האט זיך געוואונדערט, אז ער פארט יעדן טאג אויפ'ן FDR און זעט פון דער זייט די הויכשטאקיגע בנינים אין מאנהעטן, און נאכאלץ זענען די בנינים נאכנישט זיינס... פארוואס איז עס נישט זיינס? ווייל ער האט עס נישט אפגעקויפט, ער האט עס נאר 'געזען'. דאס זעלבע איז מיט לימוד הגמרא, ווי לאנג דו האסט נישט גע'חזר'ט האסטו עס נאר געזען, אבער נישט 'געקויפט.'

עס ווערט אויסגעשמועסט אלע אויסריידן און אזויגערופענע שוועריקייטן פון חזרה, און ווערט קלאר אפגעענטפערט און ארויסגעברענגט וויאזוי עס ארבעט, און די ריכטיגע כלים דערצו.

**אמר הבחור הזעצער:** דא איז די איינציגסטע פלאץ וואו איך וועל מיר ערלויבן צוצולייגן עפעס. מיין מגיד שיעור הרה"ג ר' נטע ווייס שליט"א האט אויסגעלערנט פאר די בחורים אין ישיבה א מורא'דיגן "טריק" אין חזרה, וואס איך נוץ ב"ה עד היום הזה. די טריק ערלויבט צו געדענקן אויסנווייניג פילע בלעטער גמרא, עס נעמט שנעל צו חזר'ן, און איז מורא'דיג מסדר די גמרא אין קאפ.

די טריק הייסט 'שקלא וטריא'. אין אנדערע ווערטער, אנשטאט חזר'ן אינעווייניג נאכאמאל און נאכאמאל ביז עס זעצט זיך אריין אין קאפ, חזר'ט מען די שקלא וטריא אויסנווייניג אין אידיש. דאס **צווינגט** די מח צו מאכן סדר פון די גמרא.

נאכן זיך לערנען די קביעת עתים לתורה מהלך, האב איך צאמגעשטעלט די צוויי מהלכים ווי פאלגענד. לדוגמא מאנטאג גייט דף ה ע"א. וועל איך זונטאג זיך גוט פארקוקן דעם עמוד אינעווייניג, מאנטאג וועל איך עס גוט איבערלערנען אינעווייניג, און נאכדעם מאכן סדר פון די גמרא[ב] און איבער'חזר'ן שקלא וטריא בשעת'ן אריינקוקן אין די גמרא. דינסטאג וועל איך איבער'חזר'ן די שקלא וטריא אין וויניגער ווי פינף מינוט. שב"ק וועל איך איבער'חזר'ן די שקלא וטריא פון די צוויי און אהאלב בלאט אויסנווייניג. קומענדיגע וואך מאנטאג וועל איך נאכאמאל איבער'חזר'ן די שקלא וטריא פון דעם עמוד בשעת דעם וועכנטליכן חזרה.

יעצט וועל איך צוריק געבן דעם ווארט פאר ר' יודא אליעזר.

ב. לדוגמא, מיין קהלה האלט היינט אין כתובות דף ה ע"א. די ס"ה גייט אזוי. די עמוד הייבט זיך אן מיט 5 ראיות אז חשבונות של מצוה מעג מען רעכענען אין שבת, ר' זירא ציט נאכדעם צוריק פון זיין פריערדיגן תירוץ. נאכדעם הייבט זיך אן א פרישע סוגיא צו בתולה נבעלת ברביעי, א ראי' פון א ברייתא פון בר קפרא, איין קושיא מיט א תירוץ אויף די ברייתא, נאכדעם נאך אן אגדתא ברייתא פון בר קפרא מיט א קורצע שקלא וטריא אויף דעם. ע"כ די תוכן פונעם עמוד.

(דער סיכום האב איך געשריבן בשעת'ן זיין 37,004 פיס אין די לופט, אן דארפן נאכקוקן אין גמרא. די סיסטעם ארבעט. פינטעל. כדי צו קענען זאגן די שקלא וטריא מוז מען מאכן פעסט סדר אויפ'ן עמוד. עס געבט א קלארקייט וואס מען באקומט נישט סתם פון לערנען אינעווייניג.)

## כלל ו' - לערנען מיט א סיסטעם

די שטערקסטע וועג צו קענען לערנען און אנקומען מיט אלע חזרות, איז דורך מיטהאלטן א סיסטעם, א סיסטעם מיט א לוח, כאטש א לוח ברענגט ארויף אומגעשמאקע זכרונות, עס העלפט אבער פאר אלע אויבנדערמאנטע פראבלעמען וואס קען זיך מאכן ביים לערנען. אויב מיינט איר אז די פרעשור פון מיטגיין מיט א סדר טאג נאך טאג, איז אן אומדערטרעגליכע גרויסע בארג, האט איר ווארשיינליך דאס נאך קיינמאל נישט אויספרובירט פאר מער ווי צוויי וואכן אין איין צי ...

## כלל ז' - האסט יא צייט

דאס איז א וויכטיגע יסוד, נישט דוקא פאר'ן לערנען, נאר פאר פילע אספעקטן אין לעבן, וויבאלד עס איז א גרויסע טעות וואס מענטשן האבן אז מען האט נישט קיין צייט. ווען מען לעבט מיט א נארמאלע מסודר'דיגע סדר היום וואס מען לייגט אלעמאל די וויכטיגערע זאכן צום ערשט און דערנאך וואס עס איז נישט אזוי וויכטיג, האט מען אלעמאל גענוג צייט צו ערלעדיגן אלע וויכטיגע ענינים.

עס ווערט אויף דעם געברענגט דעם לעגענדארן משל פון "שטיינער און די פלאש", וואס לערנט אויס דעם מענטש וויאזוי צו קאנטראלירן זיין צייט, מיט א קראנטע אוועקגעשטעלטע סדר. (זעה בייגעלייגטע קעסטל)

עס ווערט דערציילט א לעגענדארע מעשה איבער א גרויסן פראפעסאר וואס איז געלאדנט געווארן אויפצוטרעטן ביי א ביזנעס טרענירונג סעמינאר און רעדן וועגן דער נושא פון זיך קענען מסדר זיין ריכטיג מיט צייט.

אנשטאט געבן א פראפעסיאנעלע רעדע מיט קלינגעדיגע פראזן, האט דער פראפעסאר געבעטן רשות פון די פארזאמלטע דורכצופירן אן עקספערימענט. ער האט ארויסגענומען א גרויסע גלאזערנע פלאש, אנגעפילט מיט גרויסע שטיינער פון אונטן ביז אויבן, בעטנדיג פון די פארזאמלטע זיי זאלן באטראכטן די פלאש און געבן זייער מיינונג אויב זי איז גענצליך אנגעפילט אדער עס איז דא פלאץ אריינצולייגן נאך זאכן אין איר.

די פארזאמלטע האבן נישט פינקטליך פארשטאנען די פראגע. זיכער איז די פלאש גענצליך איבערגעפילט, איז געווען זייער אנטווארט.

"ניין, איר האט נישט צוגעטראפן," רופט דער פראפעסאר אויס. "די פלאש איז נישט אינגאנצן פול". ער האט ארויסגענומען פון אונטער'ן טיש א שאכטל מיט קליינע שטיינדלעך און זיי פאמעליך אריינגעגאסן אין דער גרויסער פלאש. די קליינע שטיינדעלעך האבן אָנע מוטשעניש זיך געפונען דאס פלאץ צווישן די גרויסע שטיינער.

"נו," רופט ער זיך אן צום ערשטוינטן עולם, "לאמיר הערן וואס איר זאגט יעצט: איז די פלאש שוין גענצליך פול, אדער עס קען נאך אלץ אריינגיין זאכן?"

רוב פארזאמלטע האבן געזאגט אז יעצט קען מען שוין מער גארנישט אריינלייגן, אבער א קליינער חלק עולם איז שוין געווען אומזיכער, נישט וויסנדיג וואס צו ערווארטן.

"ניין, עס איז נישט פול!"

דער פראפעסאר נעמט ארויס פון אונטער'ן טיש א שאכטל זאמד, גיסט עס אריין. וואונדער איבער וואונדער, ער גיסט און גיסט, און די זאמד פלאצירט זיך הערליך צווישן די גרויסע און קליינע שטיינדלעך.

"און יעצט; וואס זאגט איר יעצט?"

די אנוועזנדע האבן שוין נישט געוואוסט וואס צו קלערן; וואספארא נאך איבערראשונגען קען דא קומען? מען האט שוין יעצט פארדעכטיגט אז עפעס מוז נאך דא קענען אריינגיין, אבער עס איז קלאר אז די פלאש איז שוין יעצט איבערגעפילט אז קיין נאדל קען מען נישט אריינשטופן.

א שא-שטילקייט האט געהערשט אין זאל. אלעמענ'ס אויגן זענען געוואנדן צום פאדיום זען וויאזוי דער פראפעסאר קען זיי ווידער איבערראשן. ער האט נישט אנטוישט.

ער נעמט ארויס פון לעדל אנגעגרייטע וואסער און הייבט אן גיסן... ער גיסט און גיסט, און וואונדער איבער וואונדער, עס גייט אריין אין פלאש ,כאטש זי האט פריער אויסגעקוקט אינגאנצן פול!

דער עולם שטייט פארגאפט. אזויפיל פלאץ איז געווען אין פלאש? קיינער האט נישט געכאפט וויפיל מאטעריאלן קענען זיך פלאצירן אין די איינע פלאש!

"איך וויל אייך דערמיט אויסלערנען א לעקציע אין 'טיים מענעדזשמענט'," רופט דער פראפעסאר אויס מיט פאטאס. "אפשר קען עמיצער זאגן וואס מען קען זיך ארויסלערנען דערפון?"

איין גרויסער ביזנעס פירער רופט זיך אן: "מורא'דיג! דאס ווייזט אז פאר אלעם איז פארהאן צייט; מען קען אייביג אריינשטופן נאך און נאך זאכן אינעם טאג!"

"ניין," רעאגירט דער פראפעסאר, "דער לימוד איז אסאך טיפער ווי דעם". און דאס איז דער לימוד וואס איז נוגע פאר אונזער יעצטיגער נקודה.

"שטעלט אייך פאר, אויב איך וואלט צום ערשט אריינגעלייגט דאס וואסער, אנגעפילט ביז אויבן. וואלט נאך נאכדעם געווען פלאץ פאר נאך איין זאך? ניין! די זעלבע, אויב איך וואלט עס צום ערשט אנגעפילט מיט זאמד, וואלט נאך נאכדעם געווען פלאץ פאר שטיינער? ניין!"


מען לייגט אריין די גרויסע שטיינער


מען לייגט צו קליינע שטיינער


מען לייגט אריין די זאמד


מען גיסט אריין וואסער

"יעצט אבער, איז געווען פלאץ פאר יעדן פון די אביעקטן. פארוואס? ווייל איך האב צום ערשט אריינגעלייגט די גרויסע שטיינער! דערנאך די קלענערע, און ערשט דאן, נאך קלענערע".

מיט עקסטאז קומט דער פראפעסאר צו צום נמשל: "פונקט אזוי דארף א מענטש אויסשטעלן זיין טאג! מען דארף קודם מאכן פלאץ פאר די סאמע וויכטיגסטע זאכן, וואס דאס טאר מען נישט אויפגעבן קיינמאל פאר קיין שום פרייז. דאס זענען די גרויסע שטיינער. דערנאך זאל מען אראפגיין איין דרגה וויניגער, צו קלענערע זאכן. דאן נאך קלענער. פון זיך אליינס וועלן די אומוויכטיגע זאכן ארויספאלן, און עס וועלן בלייבן די וויכטיגסטע.

"און איר זאלט נישט זיין שאקירט: עס איז דא פלאץ פאר גאר אסאך. ווי זאגט די וועלט, 'אז מען פאקט מיט סדר, קען אריינגיין גאר אסאך'.

"אויב אבער מען הייבט אן מיט די מינדערוויכטיגע, צווייט-ראנגיקע זאכן ,דאן דערזעט מען זיך פלוצלינג אז עס איז מער נישטא קיין פלאץ פאר די וויכטיגסטע זאכן; נישטא מער קיין פלאץ פאר גארנישט".

דער אויספיר פון די מעשה בנוגע קביעות עיתים:

צייט איז דא. אבער נאך ווי! ווייסט קלאר: איר האט יא צייט!

אויב מען שטאפט די פלאש אָן קיין סדר - וואסער, זאמד און קליינע שטיינדלעך - דאן ווען עס קומט אריינצולייגן די נשמה פון א איד, די לימוד התורה, די גרויסע מעכטיגע שטיינער, אוודאי טרעפט מען זיך מיט אן אנגעפילטע פלאש.

אויב אבער מען זאל צום ערשט אריינלייגן די גרויסע שטיינער, דאן פאלט אלעס אין פלאץ, נאך אסאך בעסער ווי מען וואלט געקענט אליינס טראכטן!

אינעם ספר איז דא א באזונדערע לענגערע שמועס איבער די פארדריסליכע טעות אין וואס מענטשן לעבן, און עפ"י רוב ווערן זיי געוואויר זייער דורכפאל שוין זייענדיג זיבעציג יאר אלט, ווען עס איז שוין צו שפעט צו אנהייבן פונדאסניי. אינגעלייט משל'ן זיך אויס ווי מ'גייט שווער ארבעטן א יאר צוויי, נישטא קיין נאכט און קיין טאג, קיין נארמאלע תורה ותפלה ,שלום בית און חינוך הבנים, ווייל 'יעצט' דארף איך משקיע זיין אלע מיינע כוחות, צו אנקומען צום רוהיגן לעבן, ווי דער "קו" וואס דארף גארנישט טון אויף דער וועלט, און קענען זיצן אויסגעצויגן אין הויף אונטער'ן בלויען הימל. אבער ווען ס'קומט ביי די זיבעציג, ווען ער טרעפט זיך אז די "קו מינוט" איז קיינמאל נישט אנגעקומען, נחת האט ער נישט ווייל ער איז דאך געווען פארנומען, פאר רוחניות האט ער דאך נעבעך נישט געהאט קיין צייט זיך אפצוגעבן, געלט האט ער פערצופאל אויך נישט מצליח געווען. דעמאלטס טראכט דער מענטש מיט ווייטאג, "איי, ווען די יונגעלייט, וואס האבן יעצט די זעלבע אמביציעס ווי איך האב געהאט אין מיינע יונגע יארן, וואלטן מיר אויסגעהערט"....

## כלל ח' - בלויז פערציג טעג

יעדע זאך וואס א מענטש וויל דורכפירן, דארף מען אנהייבן מיט "קליינע זאכן" אבער מיט א פעסטע אומבויגזאמע קביעות. ווייל אויב טוט מען גרויסע זאכן, געלונגט עס נישט. רעד זיך נישט איין אז דו קענסט אנהייבן מיט צוויי בלאט גמרא יעדן טאג, און עס פשוט א שאד צו לערנען די קהלה שיעור פון בלויז אן עמוד, ווייל אפילו דו וועסט מצליח עטליכע טעג, וועט עס בדרך הטבע דורכפאלן.

נאכן דורכגיין פערציג טעג לערנען א עמוד א טאג, מיט א שטארקייט, אָן אויסלאזן אפילו איין טאג, וועט דער מענטש ווערן אן אנדערע מענטש. פארשטייט זיך אז אויב לאזט מען אויס טעג אינמיטן, איז עס בכלל נישט ווירקזאם.

עס ווערט באצייכנט אלס דער "פערציג טעג איינשפריץ". דאס איז דער מיטל אז א מענטש זאל זיך זעלבסט קענען גענצליך טוישן צו א איד וואס איז קובע עתים לתורה יעדן טאג אָן אויסנאם.

## כלל ט' - שיעורי הקהלות

ווערט אויסגעשמועסט וויאזוי צוצוגיין צום ענין פון 'שיעורי הקהלות', ווען יא און ווען נישט, און די גרויסע תועלת וואס עס האט אויף די וואס האלטן עס מיט, אפילו פאר געוויסע מענטשן פאסט עס נישט, זיי מיינען אז עס איז נישט גענוג בכבוד'יג פאר זיי צו לערנען אויף דעם אופן. עס ווערט אויסגעשמועסט אלע פרטים ארום, בנוגע נעמען די 'בחינות' וואס די חבורות שטעלן צו, און וואס צו טון מיט די געלט וואס זיי שענקן פאר די מצטיינים .

## כלל י' - היינט און יעצט

נאכן ענדיגן אדורכליינען דעם גאנצן ספר, וויאזוי זיך ספראווען מיט אלע שווערע מניעות און דמיונות, ווארט אייך אפ א ביטערע בשורה... גארנישט וועט נישט פאסירן אדער זיך טוישן נאכן 'וויסן' די אלע ידיעות. גאראנטירט. נאר בלויז מיטן עס 'פראקטיצירן' אויף למעשה!

ווארט נישט אויף די קומענדיגע שעת הכושר, נאר הייב שוין יעצט אן, וועסטו בעז"ה אנקומען. און מאך זיכער אז דער אנשטעקיגער מחלה וואס רופט זיך "עצלות" כאפט זיך נישט אריבער אויף דיר.

ע"כ פון ר' יודא אליעזר. א קוש פאר יעדע ווארט. יעצט וואס גייסטו טון וועגן דעם?

## למעשה

כאפ איין נקודה פון דא, אבער נאר איינס! און הייב עס אן טון, חק ולא יעבור. פערציג טעג, נאכדעם קענסטו אויפהערן. (אויב עס וועט דיר נאך גליסטן...) מאך דיר א 'טשארט' צו האלטן חשבון.

### זיי מסודר:

קוק איבער דיין סדר היום צו טרעפן וועלכע צייט פון טאג עס ווערט די מערסטע פארוואסערט. טוה היינט עפעס אין דעם צייט וואס דו ווילסט שוין לאנג טוהן, אבער דו האסט נישט קיין צייט דערצו.

### זיי א לערנער:

ווי האלט היינט דיין קהלה? זעץ זיך היינט אראפ אן קיין חשבונות, און לערן דעם עמוד. האסט נישט קיין חברותא? דעמאלס אן קיין חברותא. פארשטייסט נישט? ניץ א הילף גמרא. האסט נישט קיין געדולט? לערן אן געדולט. נישטא קיין תירוצים.

# קורץ או

## הקדמה:

ווען א ווערעמל עסט זיך אריין אין א כריין, מיינט ז' אז קיין זיסערס איז נישטא. לאמיר נישט זיין ווי דעם ווערעמל. לאמיר יא זיין גרייט אפצולאזן אונזער יעצטיגע 'זיסקייט' כדי צו טועם זיין עפעס בעסערס. 'סטעטוס קוואָ' איז ביטער. מיר גייען זיך רוקן פאראויס.

## יסוד 1: זיי בעה"ב

ערעב בלאטעניו (דיין חומר) רעדט צו דיר אגאנצן טאג. ער מאכט חשבונות, ער מאכט דילס, אלעס אז דו זאלסט אים נישט אנשטרענגן. האלט קאפ צו באמערקן ווען ער רעדט צו דיר, און לאז נישט די שמועס איינזייטיג, טענה צוריק! זאג אים קלאר וואס דו ווילסט. "איך וויל אויפשטיין, דו דרייסט מיר א קאפ." פשוט מיט'ן ארויסזאגן די ווערטער אין דיין מח, האסטו שוין געוואונען האלבע פון די מלחמה. ווילסט עס נעמען צו די נעקסטע לעוועל? שמועס אויס די טענה'רייען מיטן מויל. וועסטו נישט גלייבן ווי אינטערעסאנט און תועלת'דיג די שמועסן קענען זיין.

## יסוד 2: זיי מעונג

באקוועמליכקייט איז נישט קיין תענוג. באקוועמליכקייט = פוילקייט = דעפרעסיע. תענוג = עבודה = געשמאק. הן ברוחניות הן בגשמיות. די בענקעל איז באקוועם, א שוועם איז געשמאק. אויך די בעט איז באקוועם, אבער קיינער איז נישט מקנא דער וואס שלאפט צוואנציג שעה א טאג. זיי נישט קיין באקוועמע מענטש, וועסטו האבן תענוגים.

## יסוד 3: זיי געזונט און שטארק

האלטן די גוף געזונט איז עבודת השם (לשון הרמב"ם).

- עס געזונט, ווייניג און רואיג.
- מאך א טעגליכע אפוינטמענט מיט דיין בעט. זיי צייטליך צו דיין אפוינטמענט. עפעס וואס איז נישט גענוג וויכטיג צו אוועק געבן צייט בייטאג, איז אויך נישט גענוג וויכטיג צו אוועק געבן שלאף.
- מאך עקסערסייז יעדן טאג. די פאר מינוט וואס דו גיבסט אוועק פאר דעם, וועט מאכן דיין גאנצע טאג מער פראדאקטיוו.

## יסוד 4: זיי א מאן

דיין ווייב איז די עקספערט אין צמצום און קשר. דו נישט. ושמחת את אשתו, שטעלט צופרידן דיין ווייב, וועט ז' שוין ערלעדיגן אז די קשר זאל זיין פעסט.

טוה דאס דורך איר צושטעלן די דריי אלף'ס. **אהבה, אטענשען און אפרישיעשן**.

א. אהבה. בוי אויף אן אהבה צו דיין ווייב, דורכ'ן זיך מתבונן זיין אין אירע מעלות, און אוועקמאכן אירע חסרונות.

א. אטענשען. ווען ז' רעדט צו דיר איז די וועלט געשטארבן. קוק איר אין די אויגן און פרוביר איר אפצולערנען און פארשטיין.

א. אפרישיעשן (אנערקענונג). דיין וועש קריכט נישט אליין ארויס פון שמוץ-וועש און אריין אין וואש מאשין, דיין גויטע טרענירט זיך נישט אליין צו טוהן די ארבעט, אויך די עסן וואקסט נישט אליין אין פרידזשידער. דיין ווייב לייגט אריין הארעוואניע, און עס קומט זיך איר דיין אנערקענונג

## יסוד 5: זיי א טאטע

דו ווילסט נישט פארקויפט דיין קינד פאר קיין געלט אין די וועלט. די תענוג פון האבן שייכות מיט דיין אייגן קינד, איז גרעסער ווי יעדע גשמיות'דיגע תענוג. נוץ עס אויס צו

# ון שארף

די מאקסימום! פארברענג ליבליכע צייט מיט אים און ענדזשוי אים.

געדענק אז א קינד דארף מען פלאנצן, בויען און אויך דאווענען.

- פלאנץ השקפות און רצונות דורכ'ן זיין א דוגמא אישית און דורכ'ן שמועסן ווארימע ערליכע שמועסן.
- בוי דורכ'ן אים איינגעוואוינען צו טון מצות מעשיות. טראכט פאר דו הייסט אים עפעס. אבער איינמאל דו האסט געהייסן, זאל זיך די וועלט איבערדרייען, ער מוז עס טוהן. אויב עס פעלט אויס, כאפ אים אן ביי די הענטעלע און מאך אים עס טון.

  געדענק! שריי/שלאג נאר ווען עס וויל זיך נישט. ווען דו ביסט גערעגט און די ווילסט שרייען, ביסטו נישט אין קאנטראל, און פטור פון מצות חינוך. שרייען אויף א קינד ווען עס איז נישט במקום חינוך איז אסור מן התורה פונקט ווי שרייען אויף א פרעמדער. ואהבת לרעך כמוך גייט אן אויך ביי א קטן.
- דאווען פאר יעדן קינד עקסטער מיטן נאמען, אויף זיינע פערזענליכע פראבלעמען.

## יסוד 6: זיי אויפגעלייגט

דו האסט הונדערטער זאכן וואס דו האסט יא, און הונדערטער זאכן וואס דו האסט נישט. דאס גייט זיך נישט טוישן אפילו אויב דו געווינסט די לאטערי. עס וועט זיך נאר טוישן וועלכע זאכן דו האסט יא, און וועלכע זאכן דו ווילסט נאך באקומען. לערן דיך אויס צו ענדזשויען די זאכן וואס דו האסט, וועסטו זיין גליקליך און צופרידן דיין גאנץ לעבן.

## יסוד 7: זיי אומאפהענגיג

זיין אומאפהענגיג פון השפעות: נעם דיין מח אויף אן ערנסטע דיעטע. פיטער עס נאר ערליכע פארלעסליכע סחורה, וועט עס ארויסגעבן געשמאקע ערליכע השקפות און געפילן. ממש א מחי'.

זיי אומאפהענגיג ביי די תוצאות: האלט יעדעם איינעם טיף פארפאקט. קיינער קען דיר נישט העלפן הנאה האבן פון דיין לעבן אויסער דו אליין. בשבילי נברא העולם. וואס יענער האלט פון מיר, איז אזוי פיל נוגע ווי דאס וואס די מורישקע האלט פון מיר.

## יסוד 8: זיי רייך

רעד זיך נישט איין אז מער אינקאם, וועט דיר מאכן רייכער. מען קען זיך זייער שנעל צוגעוואוינען צו ספענדן מער, און דעמאלטס וועסטו בלייבן מיט די זעלבע חובות וואס דו האסט יעצט. די טריק צו זיין רייך, איז צו ספענדן ווייניגער ווי מען האט. מאך א שטארקע בודזשעט, וואס האלט דיינע עקספענסעס ווייניגער ווי דיין אינקאם, וועסטו לעבן א רואיגע רייכע לעבן. איינמאל דו טוסט דאס, איז שוין דא וואו די ברכה זאל חל זיין ווען דער באשעפער שיקט מער שפע. ווייל דו וועסט איינטיילן פאר דיין געלט וואו צו גיין, אנשטאט זיך וואונדערן וואו ער איז געגאנגען...

## יסוד 9: זיי מסודר

דו האסט אסאך צייט יעדן טאג. גאנצע פיר און צוואנציג שעה. מאך זיכער אז דו ניצט עס פאר די זאכן וואס זענען דיר די מערסטע אינטערסאנט און וויכטיג. שרייב דיר אפ א פונקליכע סדר היום. צייט איז לעבן, טייל נישט אוועק דיין לעבן פאר אומזיסט.

## יסוד 10: זיי א לערנער

נישטא נאך אזא זאך וואס טוישט אזוי דאס לעבן ווי א פעסטע קביעית עתים לתורה. געזונט, פרנסה, שלום בית, נחת ועוד ווערט דראמאטיש פארבעסערט מיט דעם. גייט מיט די 10 כללים וועט דיר זיין גוט בזה ובבא: 1, לערן פארן אויבירשטנס וועגן. 2, לערן גמרא. 3, קוק זיך פאר. 4, חברותא נאר אויב עס איז א פלאָס. 5, חזרה. 6, מיט א סיסטעם. 7, דו האסט יא צייט. 8, פערציג טעג. 9, שיעור הקהלה. 10, היינט און יעצט!

# מכתבים למערכת

## דערפרישענדע נייעס

איך מוז אז אייך זאגן אז עס איז שוין עטליכע וואכן וואס איך האב בכלל נישט געהערט קיין נייעס, נאכן זיין צוגעוואוינט עס צו הערן יעדן טאג!!! יישר כח!!! שכרך הרבה מאוד!!!!!!!!!!!!

נ.ב.א.

**תשובה:**

מורא'דיג! חזק ואמץ. אויב וועסטו עס אנהאלטן פאר א חודש-צוויי, וועסטו זיך שוין וואונדערן וויאזוי די שגעון פון נייעס איז דיר אפילו אמאל אנגעגאנגען...

---

## פון מיר האסטו חוזק געמאכט...

הרב שרייבער, קום אהער, לאמיר דיך גוט אנפאטשן. אזוי צו מבזה זיין א איד? דו צעלייגסט מיין פריוואטע לעבן ברבים פארנט פון גאנץ כלל ישראל?!

דו שרייבסט: "עס זענען דא מענטשן וואס דרייוען א לעקסוס, וואוינען אין א פאלאץ, גייען וועקעישן אויף די שווייצער בערג, מאכן אויפגעריסענע חתונות, אבער זיי האבן נישט קיין ניקל צו זייער נאמען. זיי דרייען מיט לאונס און מארגעטדזשעס צו קענען אלעס באצאלן. ער האט נישט קיין מינוט מנוחה. ער מאכט טאקע $500,000 א יאר, אבער קען מען אים רופן עושר? א רחמנות אויף אים! יא, איזהו עשיר, השמח בחלקו, ער ווייסט וויפיל געלט ער האט אין טאש, און דאס נוצט ער, און מער נישט."

די איינציגסטע זאך וואס דו האסט נישט גוט געשריבן איז אז איך דרייוו א קעדי, נישט קיין לעקסעס...

דו ביזט הונדערט פראצענט גערעכט! איך מאך אפאר הונדערט אלפים א יאר, און איך זעה נישט קיין פעני דערפון! גיימער מאכן א בודזשעט, שכח פאר'ן אויפוועקן. אויב איך דארף דרייוען א סיענע צו לעבן רואיג, סאו בי איט.

א.ב.ג. (נישט מיין עכטע נאמען...)

**תשובה:**

א גרויסן שכח פאר'ן נעמען די מיה צו שרייבן דעם בריוול. ווייל גאר אסאך מענטשן, צי אפשר אפילו רוב, רעדן זיך איין אז אויב זיי וועלן נאר האבן אביסל מער געלט וועט שוין אלעס זיין מסודר. דו ביזט א לעבעדיגער עדות אז עס איז א שטות. די איינציגסטע וועג פאר א מענטש צו זיין רייך, איז צו טון וואס רש"י זאגט, און לעבן מיט ווייניגער ווי ער פארדינט.

---

## ווען זאל מען מאכן עקסערסייז?

איז דא א נפק"מ וועלכע צייט פון טאג מען מאכט די עקסערסייז? דו דערמאנסט נאכמיטאג, און דו האסט אויך דערמאנט צופרי. סאו מען זאל עס טוהן צוויי מאל א טאג? ביטע אויסקלארן.

**תשובה:**

די בעסטע צייט צו טוהן עקסערסייז, איז די צייט וואס דו גייסט עס טאקע אויספירן למעשה. א צייט וואס דו קענסט עס פראקטיש אריין לייגן אין דיין רוטין.

ממש פארן גיין שלאפן איז עס אבער נישט כדי, ווייל עס קען שטערן פון איינשלאפן.

בברכת כתיבה וחתימה טובה.

---

## א דאנק פאר די רעקארדינג

שכח פאר די רעקארדינג פון די זיבן מינוטיגע עקסערסייז. איך מאך עס גלייך ביים אויפשטיין מיין

# מכתבים למערכת

לערנען אינדערפרי איז א סאך גרינגער!

משה ט.

## עקסערסייז מאכט וואקסן

איך בין א אינגערמאן אין מאנרא, וואס לערנט פריוואט מיט בחורים. איין בחור האב איך געשפירט - לעצטע יאָר - אז ער קען נוצן די "בוסט" פון די 7 מינוט עקסערסייז. מיט רשות פון זיינע עלטערן האב איך אים געגעבן דעם צעטל פון די אנווייזונגען, און ער האט אנגעהויבן מאכן די עקסערסייז אין ישיבה ביי הפסקה, צוזאמען מיט א שותף, איצט נאָך אַ יאָר עס טאן, איז זיין שותף געגאנגען צום דאָקטער. ער איז געווען זייער קורץ און דער דאקטאר האט אים געהאט געזאגט מיט א יאר צוריק אז ער וועט שוין נישט וואקסן. דער דאָקטער האט זיך צוגעהערט צו זיין סדר היום און געזאגט, אויב וועסטו ווייטער מאכן די עקסערסייז, קענסטו וואַקסן אַרויף צו 6 פיס אי"ה.

א גרויסן ייש"כ.

**תשובה:**

יא, עקסערסייז וועקט אויף דעם גאנצן גוף, און מאכט אים געזונט און שטארק בעזר השם!

## דריקט אויס זיין אנטוישונג

איך בין גראדע אביסל אנטוישט פון דעם יעצטיגן גליון.

1. גאנץ ווייניג זאכן סך הכל נאר וועגן זיין רייך. די צווייטע האלב האב איך נאכנישט געליינט. קוקט נישט אויס אינטערעסאנט פאר מיר. אפילו אויב יא, נישט וואס איך ערווארט פון 'א מחי' אפשר גוט פאר די באנוס גליון.

2. אפילו דאס, וואלט איך מיר גערישט אוף עפעס מער, איך בין פון דעי וואס לעבן נישט געהעריג מיט א חשבון, סוי איך קוק שוין לאאנג ארויס ווען גייט איר שוין רעדן פון בודזשעטינג. למעשה איז עס נישט אזוי פראקטיש און למעשה'דיג ווי די ערשטע גליונות.

סארי פאר די קריטיק, באמת בין איך נישט גערעכט ווייל איר זענט מיר גארנישט שולדיג, אבער ליידער בין איך פון דעי וואס טראכטן (כמעט) 'נאר' פון זיך, און דאס איז מיר ארויף אויפ'ן געדאנק נאכן ליינען דעם גליון די וואך. (אדרבה, אפשר האט איר פאר דעם אויך אן עצה, מ'זאל נישט טראכן נאר פון זיך אזויפיל?...)

איך וויל זייער לעבן מיט חשבון. אז איר קענט מיר אפילו נאר שיקן אן עקסעל-שיעט פראקטיש פאר אנשים כמוני וואלט אויך געווען א געוואלדיגע זאך.

עני וועי, א ריזיגן יישר כח, איך באלעק מיר יעדעס מאל די פינגער.

תזכו למצות, שכרכם הרבה מאד.

**תשובה:**

א גרויסן יישר כח פאר אייער שיינעם בריוו.

1. איך האב טאקע געשריבן ווייניג פרישע חומר, ווייל אסאך האבן געוואלט ארויסהאבן די השקפה חלק פון דעם וואס איך האב געשריבן בשם ר' אביגדור מיללער זצ"ל ועוד, אז מען דארף 'ענדזשויען' עולם הזה. פארדעם האב איך אינעם צווייטן האלב גליון מאריך געווען אין די חלק השקפה דערפון.

2. איך האב טאקע אויך נישט געשריבן די למעשה'דיגע חלק אין דעם גליון, ווייל עס איז א וואכעדיגע זאך, און ע"פ רוב ליינען דאס מענטשן אין שבת. איך שיק דיר דא צו די גליון וואס איז ארויסקומען די וואך, וואס רעדט טאקע נאר פון די חלק למעשה, מיט די קלארע מודעה אז עס איז נישט צום ליינען אין שבת קודש. (ווער עס וויל עס באקומען קען זיך ווענדן צום מערכת דורך פעקס אדער אימעיל. מיר קענן נאר שיקן צו א פעקס וואס איז אייביג אנגעצינדן.)

3. לגבי טראכטן נאר פון זיך, איך האלט אז איר דארפט אנקוקן די זאך אנדערש. טראכטן פון זיך איז א גוטע זאך, חייך קודמין. מען דארף אבער וויסן וואס מען וויל פאר זיך. לעבן באקוועם און פויל? דאס איז דאך בכלל נישט געלעבט, א שטיין איז זייער באקוועם. ארבעטן, בויען, משפיע זיין, באשאפן זאכן, אויפבויען די שכל, וכו' וכו', דאס הייסט געלעבט. פאר די אייגענע טובה, נישט פאר יענעם.

הצלחה!

# מכתבים למערכת

## הערות אויף גליון #4

א גוטן, קודם א ריזיגן יישר כח פאר דעם הערליכן גליון.

מיינע 2 קליינע הערות זענען:

1. די פיקטשער פון די גרויסע קוה האט נישט אויסגעפעלט, עס מאכט עס אביסל ביליג. הגם איך בין פון די מענטשן וואס האבן נישט קיין פראבלעם (אדרבה כ'האב הנאה) פון די סארט שפראך, אבער די פיקטשער איז מיינער עפעס אנדערש.

2. האלב פון די גליון איז געווען באהאלטן אונטער א שלייער פון א בריוו, כ'האב עס שיעור נישט פארפאסט. ווייל נישט אלעמאל ליין איך די בריוון, און פאר'ן עס ליינען האב איך מיך זייער געוואונדערט וואס איז פשט אז ס'איז אזא קורצער גליון דאס מאל... ביז כ'האב אנדעקט דעם הערליכן שטיקל. איך גלייב אז אסאך מענטשן האבן עס פארזעהן.

א דאנק נאכאמאל.

חיים ה.

### תשובה:

א שכח פאר'ן בריוו, און א ריזיגע שכח פאר דיין שטענדיגע 'סופארט'. (דו האסט דאך נישט קיין פראבלעם מיט די סארט שפראך.)

לגבי די פיקטשער פון די קי, יתכן אז דו ביזט גערעכט. מיין פלאן איז קודם געווען עס זאל זיין עפעס אזא פיקטשער, א שמועס צווישן מיין מח און מיין בהמה:



אבער דער גרעפיקער האט נישט געהאלטן דערפון. במילא איז געבליבן נאר די בהמה.

למעשה אבער, האבן זיכער מענטשן אויפגעהויבן דעם גליון לכבוד דעם פיקטשער פונעם קי. ווייל עס קוקט אויס 'דיפערענט' און אינטערעסאנט. די וואס ליינען עס און האבן הנאה, ווערן במילא חסידים, און עס ווערט נישט ביליג ביי זיי וועגן דעם.

די צווייטע האלב גליון, איז אנדערש ווי די געווענליכע גליון. ווייל די געווענליכע גליון רעדט נאר למעשה. די צווייטע חלק גליון האב איך געשריבן ווייל אסאך האבן געוואלט פארשטיין די השקפה וואס ליגט אונטער דעם. ווי אזוי קען איך שרייבן אז די וועלט דארף מען ענדזשויען? וכו' וכדו'. פאר דעם האב איך געוואלט איינמאל פאר אלעמאל עס געהעריג אויסשמועסן. אבער אסאך ליינער וואס האבן הנאה פון די פראקטישע חלק, זענען בכלל נישט אינטערעסירט אין די השקפה וואס ליגט אונטער דעם, ממילא האב איך עס געשריבן בתורת ענטפער פאר א בריוו.

דעם סוף וואך האף איך אי"ה ארויסצוגעבן די למעשה'דיגע חלק פון דעם פאריגן גליון. זעה בייגעלייגט.

## די גליונות זענען שטארק.

כ'וויס נישט ווער איר זענט, אבער מכותלי מכתבכם ניכר אז איר האט א שטארקן דעת.

זייט ווייטער מהנה דעם כלל.

לי"ג

נ.ב. מענין לענין. היות כ'האב געזען א בריוו ווי איינער אדרעסירט צו מ'זאל טויטשן פונעם היינטיגן לשון בני אדם, צו מער אן אפעציעלע שפראך, וואלט איך געמוטן א שטעלונג אז איר זאלט נישט טוישן, ווייל די שטערקסטע וואפן פון דעם גליון איז, אז מ'שפירט אז דער עורך פארשטייט די היינטיגע מענטשהייט און רעדט כדבר איש אל רעהו, אט די שפראך איז מקרב הדברים על לוח הלב.

### תשובה

א יישר כח פאר דיין קאמפלימענט און הערות.

# מכון א מחי'!

פעקס:
**845.777.8015**

אימעיל:
**Mechon.A.Mechayeh@gmail.com**

זייט מחי' הונדערטער אידישע קינדער! ערמעגליכט צו פארשפרייטן דעם קומענדיגן גליון אין פרינט. ומתן שכרו בצדו א ספעציעלע שיינע באנוס גליון מיט נאך שיינע ענינים און מכתבים למערכת וואס האבן נישט געהאט קיין פלאץ אינעם געהעריגן גליון.

די גליון קומט ארויס פון צייט צו צייט אויף אימעיל, צו באקומען שיקט Subscribe צו Mechon.A.Mechayeh@gmail.com

פיינע נייעס! איר קענט שוין אויסהערן די מחי'דיגע יסודות, זאפטיג אראפגעלייגט אויף קול הלשון. 7* 718.521.5231 און נאך דעם 998606